STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09818

DI GNOD FUN VORT

Rachel H. Korn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל ה. קאָרן

*

די גנאָד פון וואָרט

רחל ה. קאָרן

די גנאָד פון וואָרט

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ח — 1968

RACHEL H. KORN

DI GNOD FUN WORT

רחל ה. קאָרן / די גנאָד פון וואָרט

ביכער־פאַרלאַג „המנורה" רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenorah" Publishing House,
24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©
אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשכ"ח
Printed in Israel 1968

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

מיין טאָכטער חיה־רענען

נשמה־לאַנדשאַפטן

זאָג זיך נישט אָפּ פון מיר

זאָג זיך נישט אָפּ פון מיר,
פאַרוואַרף נישט מיין וואָרט,
וואָס איז פון אַלע וואָגלענישן מיד —
עס קען דאָך אויפגיין צו דיר
נאָך היינט אין דער קנאָספּ פון אַ ליד.

און מאָרגן —
ס׳קען ווערן צומאָרגנס אַ סגולה
צום טרויער,
וואָס טרינקט דאָס פאַרנאַכטיקע גראָ,
און לייענען דיינע סימנים
אין פלי פון די פייגל,
אין קנייטשן פון קאָרע,
אָפּשפּרעכן די בייזע עין־הרע
פון אַ צעפיבערטע שעה.

ס׳קען פּותר־חלום זיין טרוימען,
וואָס האָבן אונדז אַלע פאַראָטן
און מיט טונקלעם געשריפט פון די רויכעס
פאַרטונקלט דיינע געבאָטן.

עס איז מיין וואָרט אַזוי איינזאַם,
ווי דו אין די הימלען פאַרשוועכטע
און עס זוכט אין די סדומיקע צייטן
די לעצטע געטרייע, גערעכטע.

אַלץ, וואָס האָט זיך אָנפאַרטרויט מיין וואָרט

אַלץ, וואָס האָט זיך אָנפאַרטרויט מיין וואָרט
איז דערוואַקסן צום טרויער
פון דער איינזאַמסטער שעה
ביים ברעג
פון פאַראָבלטע טעג.

אויף דער שאַרף פון אַ רגע
טליעט פלאַמיקער אָפּשיין
פון בענקשאַפט,
וואָס האַלט ביים פאַרגיין.

און ס׳דאַכט,
איך אַליין
ווער דערטראָנקען
אין גראָעם פאַרנאַכט
מיט דער בענקשאַפט באַנאַנד,
וואָס האַלט ביים פאַרגיין.

פון יענער זייט טרויער
דערטראָגט זיך אַ שעפּטש,
ווי שטילסטע דערמאַנונג,
ווי קנאָספּענדע אַנונג —
און כ׳פיל אויף מיין פּנים,
מיין שטערן,
דעם אָטעם פון אַ וואָרט,
וואָס איז פול
מיט נאָך נישט אויסגעוויינטע טרערן.

לייג צו דיין וואָרט צו מיינע ליפּן

לייג צו דאָס וואָרט צו מיינע ליפּן,
ווי אַ חתימה צום פאַרענדיקטן כתב,
און שיק מיך — וווּהין? — כ׳ווייס אַליין נישט —
ווער וואָרט דען, חוץ טונקעלער טראָף?

איך בין שוין געזאַלבט מיט טרויער,
ווי די מלכה פון אייביקער נאַכט,
וואָס ווייסט נישט, צי איז זי אַ חלום,
צי ס׳האָט זי ווער אויסגעטראַכט.

און אפשר איז זי בלויז געוואָרן
אַ פאַנט אינעם גורלס הענט —
אין קאָן איינגעשטעלט און פאַרשפּילט זי
צום הפקר, צום ווינט, צו דער פרעמד?

לייג צו דאָס וואָרט צו מיינע ליפּן
און פיר מיך, ווי אַ קינד ביי דער האַנט
צו דער גרעניץ געווירעט דורך טרערן,
דער גרעניץביים נאַכטישן לאַנד.

די ערשטע שורה פון אַ ליד

כ׳האָב מורא פאַר דער ערשטער שורה פון אַ ליד —
זי קען דאָך ווערן, ווי אַ שאַרפער שניט,
וואָס קעפּט די טרוימען און צעעפנט אָדערן,
ביז ס׳גיט אַ פליייץ מיט פרישן, הייסן בלוט.

זי קען מיך ברענגען צו דער גרינער לאָנקע,
וואָס כוואַליעט מיטן ווינט אי וויים, אי ראָז, אי געל,
און צו דעם הויז אונטער די הויכע סאָסנעס,
וווּ ס׳וואַרט אויף מיר שוין קיינער אויף דער שוועל.

זי קען מיך צופירן צומאָל צו יענער שעה,
וווּ ס׳ליגט דערמאָנונג איינגעקנוילט אין גראָ,
און כ׳קען דערפילן אויף די האָר דעם גלעט
פון הענט, וואָס זענען מער נישטאָ.

יעדער קלאַנג

יעדער קלאַנג וויל געפינען זיין היים,
יעדע טרער האָט איר זיווג פאַרגרייט,
און ס׳איז פול מיט געציטער דאָס וואָרט
אויפן שיידוועג צו גליק — אָדער לייד.

אויפן שיידוועג צו גליק, אָדער לייד
וואַרט באַשערטקייט די אויגן פאַרשטעלט,
ווען ס׳וועט אויפגיין פון טאָל דער שטילסטער פאַרנאַכט
מיט שאָטנס, ווי ווייזערס, וואָס שטעלן זיך אָפּ
אויפן סאַמע האַרץ פון דער וועלט.

כ׳האָב זיך געגרייט

כ׳האָב זיך געגרייט צו עפּעס אין מיין שלאָף,
ווי צו דער מתּן־שירה אין פאָרכטיקייט און פּיין,
בעת עס האָט מיך איינגעאָדערט אין אַ חלום
די גרויסע שטילקייט פון אַ שקיעהדיק פאַרגיין.

פון חלום האָט מיך אויפגעריסן עמיצנס געוויין —
כ׳האָב קיינעם נישט געזען אַרום און נעבן מיר,
ס׳האָט קיינעמס אָטעם נישט פאַרוואָלקנט דעם שפּיגל און די שויב,
און בלויז דאָס שווייגן האָט געהיטן די פאַרמאַכטע טיר.

אין מיטן הימל האָט לבנה זיך געלאָשן,
ווי אַן אָרעאָל פאַרבלאַסט פון אייג׳נעם טרויער,
אַ שטערן האָט איר אָפּגעווישט דאָס פּנים
מיט פּאַסמעס כמאַרעם אויפגעקנוילטע, גרויע.

ווו איז דער קאָפּ, אויף וועלכן ס׳וואַרט דער בלאַסער אָרעאָל?
פון וועמען האָט זיך אָפּגעשיידט דאָס שלוכצענדע געוויין? —
אַ מלאך מיט צעבראָכ׳נע פליגל נעמט אַראָפּ די לייטער
פאַרשטעלט דאָס פּנים און בלייבט זיצן אויף דעם אַלטן שטיין.

עס טראָגט זיך צו מיר

עס טראָגט זיך צו מיר אַן אונטערשטראָם טונקלער
פון וועלטן קוים, קוים געאַנטע,
ווו ס׳האָט זיך אַנימלט באַגעגנט די נאַכט
מיט אַלע מיינע נאָענטע.

און געברענגט צו די ברעגעס פון טאָג זייער אָטעם
אין כוואַליען פון גרעזער, אין פלאַטער פון צווייגן,
מיך פאַראַנקערט מיט זייער לעצטן שמייכל און בליק,
פאַרקנסט מיך צו זייער שווייגן.

און מיר דאַכט, כ׳בין אַליין אַ טייל פונעם חלום,
וואָס צעפּיבערטע נאַכט האָט מיט טרויער פאַרשפּינען,
און ס׳איז מיך פּותר חלום צו דער איינזאַמסטער שעה
דער זיפץ פון אַ שטילן באַגינען.

ס׳איז שוין צו שפּעט

ס׳איז שוין צו שפּעט פֿאַר יענעם וואָרט,
וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר דיר —
און עס איז אפשר נאָך צו פֿרי
פֿאַר יענער שטילקייט, וואָס גלייכט אויס
דעם מרחק צווישן דיר און מיר.

נישטאָ קיין סטעזשקע, נישט קיין וועג,
וואָס זאָל מיך פֿירן אויף דיין שפּור —
דאָס ביסל אַש, וואָס איז געווען
דיין בליק, דער ריח פֿון דיינע האָר

איז אויפֿגעגאַנגען ערגעץ ווו
מיט אַ פֿאַרזייעטן תּבֿואה־זאָמען —
נאָר יעדער רויך, וואָס הייבט זיך אויף
בלייבט אין דער לופֿטן, פּרוּווט דעם הימל
און קייטלט זיך און לייגט זיך אויס
מיט אותיות פֿון דיין נאָמען.

ס׳איז אַזוי שטיל אין מיר

ס׳איז אַזוי שטיל אין מיר
גלייך די פאַרנאַכטן אַלע,
וואָס זענען גראָ געוואָרן פאַר דער צייט
וואָלטן אין מיר אַריינגעדעמערט
און מיך פאַרשלייערט, ווי אַ כלה,
פאַרקנסט צו איינזאַמקייט.

ס׳איז שוין קיין חילוק נישט,
אַז ווען און ווי אַזוי —
די שאָטנס וואַכן ביי מיין זייט,
ווי ביי אַ קינד אין וויגל,
אַז כ׳זאָל נישט שטרויכלען,
כ׳זאָל נישט פאַלן,
ווען קומען וועט מיין צייט.

און אַלץ ווערט אַזוי פּשוט, קלאָר,
ווי אויפגעבראָכן וואָלט דעם זיגל
אַ לעצטע טרער,
ווען ס׳שווימט די גאַנצע וועלט אַריין
אין דעם פאַרהאָנג׳נעם שפּיגל.

שווייג מיך אַריין

פאַר אליעזר וויזל

שווייג מיך אַריין, מיין גאָט, אין דיינע טרוימען
און נעם מיין טרויער אין די הענט, ווי פּאַסמעס זייד —
באַקלייד מיט אים דאָס אַלץ, וואָס איז בלויז אַנונג
און וואַרט אויף דיין באַשייד.

ווען ס׳קומען אַלע הארבסטן רוען דיר צו פיסנס
נעם אויף מיין הארבסט מיט חסד און מיט גנאָד —
מיין הארבסט באַקרוינט מיט יאָרצייט־ליכט, וואָס פלאַמען,
ווי אַן אָרעאָל אַרום זיין מידן קאָפּ.

דאָס אַלץ, וואָס קומט מיר צו חלום

דאָס אַלץ, וואָס קומט מיר צו חלום
האָט דאָך ערגעץ אַן אָנהייב, אַ סוף —
טאָ פֿאַר וואָס שטיי איך בלויז אין דער מיטן
און וואַרט אויף פֿאַרבלאָנדזשעטן רוף?

און ווער פֿאַרוועבט און פֿאַרשפּינוועבט
אין דער גראָ־געוואָרענער צייט,
בעת ס׳בלעטערט מיך, ווי אַ ספֿר
דער אָטעם פֿון אייביקייט.

און אויפֿן ראַנד פֿון די בלעטער
פֿלאַמיקט מיט פּורפּורנער שיין
דאָס אַלץ, וואָס איז נאָך נישט געוואָרן,
דאָס אַלץ, וואָס איז ערב פֿאַרגיין.

עס שטעלט זיך דער חלום צוקאָפּנס
דעם טרויער, וואָס אָדערט זיך איין
אין אַ בלינדער וועלט און פֿירט זי
צום בראשית פֿון מענטשלעך געוויין.

אַלע ווינטן

אַלע ווינטן זענען שטיל געוואָרן,
ווי עס וואָלט זיי עמעץ איינגעוויגט באַזאַכט
צווישן נאַקעטיקע צווייגן פון די ביימער
אין אַ חשוונדיקער, רעגנדיקער נאַכט.

אַלע טרויערן האָבן זיך פאַראַנקערט
ביי מיין שוועל, ווי ס׳וואָלט שוין נישט געווען קיין אָרט
אויף דער גאַנצער וועלט, אַחוץ אין מיינע אויגן,
מיינע הענט, מיין שמייכל און מיין וואָרט.

איך האָב זיך אָפּגעשיידט

איך האָב זיך אָפּגעשיידט פון אַלץ, וואָס איז מיר נאָענט,
כדי כ׳זאָל קענען בעסער דיך פאַרשטיין
דו לעצטע רגע מיינע, ווען עס וועט אונדז ביידע
איינוויגן די מידע שטילקייט פון פאַרגיין.

אַזוי פיל ווערטער נאָך געבליבן נישט דערזאָגטע,
אַזוי פיל טרויער וואָרט נאָך אויף באַשייד —
אויף מיינע ליפּן זילבערט זיך אַ שמייכל,
ווען כ׳הייב זיך אויף און שטאַמל: איך בין גרייט —

מײַן נשמה

מײַן נשמה האָט זיך אויסגעװײנט די אויגן,
װי אַ קלײן פֿאַרלאָזט, פֿאַרבלאָנדזשעט קינד —
מײַן נשמה האָט זיך אויסגעװײנט די אויגן
איז די װעלט אַרום געװאָרן בלינד.

און נאָר די שפּיצנפֿינגער זענען זעעװדיק געװאָרן,
זײ זאָלן קענען צופּירן אַ טרער
צו די ליפּן מײַנע, װוּ ס'חשוונט זיך אַ שמײכל,
אַ שמײכל אײנזאַמער — און גאָרנישט, גאָרנישט מער.

מיין טרויער

מיין טרויער האָט אויגן פון נעכטן
און שטילע פאַרטראַכטקייט פון היינט,
עס בינדט זיי צונויף דער חלום,
וואָס האָט מיך פון מזל אַנטוויינט.

ס'קען זיין, אַז אין קיינעמס פאַרנאַכטן,
ווי אין אַ נעפּליקן טייך
וועט אונטערגיין מיין טרויער
און איך מיט אים צוגלייך.

דער חלום וועט בלייבן אינדרויסן,
אַ שטיפקינד ביי צוועלעפטער שעה,
און טראַכטן — ווי איז עס גאָר מעגלעך
אין איין איינציקער נאַכט ווערן גראָ?

עס ווערן אַלץ מידער די זאַכן

עס ווערן אַלץ מידער די זאַכן
וואָס איך האָב ביז איצט אָפּגעהיט,
סע וויאַנעט מיט ערב־פאַרגיין
דאָס אַלץ, וואָס געווען איז מיין.

ס׳איז פול מיט טרויער מיין צימער,
ווי מיט גאַרבן דאָס פעלד נאָכן שניט.
ווער וועט זיי אַרבן, פאַרשוינען
דאָס בוך און דאָס בילד און דאָס ליד?

אויף מיינע שלייפן דעמערט
דער אָוונט מיט זילבערנער שיין —
די זאַכן שווייגן פאַרעקשנט,
נאָר די לופט איז פול מיט געוויין.

די סעדער פון מיין קינדהייט

די סעדער פון מיין קינדהייט בליען טיילמאָל אין מיין חלום —
די ווייִנשל־ביימער טרינקען אויס די בלאָקייט פונעם הימל,
און ס'דאַכט זיך, אַז די קליינע כמאַרקעלעך, וואָס שווימען
זענען די ווייסע טרוימען פון די ווייִנשל־בלימען.

עס קען נישט זיין, אַז ס'זאָלן עפּלביימער אַזוי שמעקן
אין מיטן פון חודש מאַי,
גלייך ס'וואָלט די נאַכט צעעפנט זייערע הערצער
און מיטן ריח פאַרוויקלט ערד און בוים,
די שטערן און דעם סאָלאָוויי.

עס קען נישט זיין, אַז ס'זאָלן עפּלביימער אַזוי שמעקן
און אָנפּאָיען ביז שיכרות דעם מאַיאָווע ווינט —
סיידן די לבנה גיט אַ מיש די יאָרן
און דו ווערסט אַליין צוריק אַ קינד.

טיילמאָל צעבליט זיך מיט אַ וואָרט דער חלום,
אַ וואָרט פון לאַנג פאַרגעסן און פאַרבלאַסט,
אַ וואָרט, וואָס האָט מיט פרילינג מיך פאַרקנסט —

ווען כ'וועק זיך איבער
איז דאָס קישן מיר צוקאַפּנס נאַס
און ס'קומען מיר אַנטקעגן פון די ווענט
שאָטנס מיט שטילע, אויסגעשטרעקטע הענט.

דו פרוווסט מיך אַזוי

דו פּרוּווסט מיך אַזוי, גאָט, אַז כ׳ווײס שוין נישט אַלײן
ווו ס׳איז דער אָנהויב און ווו ס׳איז דער מיטן —
כ׳האָב ציילן אויפגעהערט ס׳עשירות פון מײן לײד
און ווײס נישט וויפל צער עס האָט מיך אויסגעמיטן.

די גרעניץ צו די נעכטנס איז פאַרמעקט מיט אַש,
דער וועג צום מאָרגן געוווירעט איז דורך טרערן;
ס׳האָט מיך באַשערטקייט אײנגעאָדערט אין אַ וואָר,
וואָס האָט פאַרזעצט דעם הימל און די שטערן

פאַר אַ שיבוש ביי אַ צייט, וואָס שרפהט, סדומט אַריין
אין טעג און נעכט איר הפקרדיק געלעכטער,
און שיכורט אָן מיט שקר יעדע שעה,
זי זאָל נישט ווײסן ווער ס׳איז קרבן, ווער דער שעכטער.

ווו איז דײן קול, וואָס בלוטיקט, דאַרנט מיט דײן צאָרן,
אַז כ׳זאָל עס אויפנעמען, דערשפּירן און דערהערן,
ווו איז דאָס וואָרט, וואָס זאָל דערקענען זיך צו מיר
צעשטערנט מיט דײן חסד אין אַ נאַכט אָן שטערן?

אָ, גאָט

אָ, גאָט,
וויפל חשבון מיט דיר
אין מיינע חשוונדיקע טעג —

האָסט מיר געגעבן צו פאַרזוכן
די מרורים פון לעבן
פון אַ יעדן מין,
און ס׳איז דער ביסן ברויט,
וואָס כ׳עס אַ יעדן טאָג
ביט׳רער פון פאָלין.

ס׳שניידט איצט עמעץ די תבואה
פאַרזייט
אויפן אַש
פון אַלץ,
וואָס האָט זיך אָנגעקערט מיט מיר
דורך ליבשאַפט,
דורך טרויער,
דורך פרייד.

איך שטיי אינמיטן פון אָנטבלעטערטער צייט
ווי אַ נאַקעטער בוים —
און דאָך בין איך גרייט
אַריינצונעמען אין אַ רגע איינציקער,
ווי אין אַ ראַם
דעם זיפץ פון מענטש,
דעם אָטעם פונעם ים,
דעם אָנהויב פון אַ ליד,

דעם המשך פון אַ טרוים
און בלייבן אַלץ פאַרגאַפּט,
און בלייבן אַלץ דערשטוינט,
ווי אַ קינד אין שפּיל ביים סאַמע ברעג פון תהום.

און כ׳וויל נישט קוקן,
כ׳וויל נישט זען,
אַז ס׳רוקן זיך אויף זייערע בייכער
כמאַרעס
נידעריק און שווער,
ווי חיות אין אַ רויב־געיעג,
גרייט צו פאַרצוקן אַלץ, וואָס איז אין וועג
צוגלייך מיט מיינע חשוונדיקע טעג.

גיב מיר צוריק, מיין האַר

גיב מיר צוריק, מיין האַר,
דעם עול פון קליינע, טאָג־טעגלעכע זאָרגן
אין זייער גאַנצער אָפּגעכוימלט־וואָכעדיקער גראָקייט,
שטענדיק אויפן ראַנד פון געבן און פון באָרגן.

וואָס איז דען זייער גאַנצע טענה און באַגער?
זיך קלאַמערן אין יעדער רגע מיט געבעט —
זאָל געראָטן ס׳געבעקס, די וואַזאָנע זאָל גרינען
און ס׳זאָלן די קינדער נישט קומען צו שפּעט.

ס׳זאָל קיינמאָל נישט פעלן דאָס ברויט אויפן טיש,
דער דאַך זאָל נישט רינען, דאָס פייער זאָל ברענען
מיט אַ וואַרעמער שיין — און ס׳זאָל ווערן דער טרויער
באַקליידט מיטן ניגון פון צאינה־וראינה.

איך האָב זיך שטענדיק אָפּגעזאָגט פון זיי,
מיט זיי זיך געשעמט און זיי אויסגעמיטן,
ווי קרובים פאַרגרעבטע, וואָס קומען און שטערן
די שמחה פון ווערטער באַרוישטע, צעגליטע.

איצט ווייס איך —
ווען זיי שאַרן זיך שטיל און פאַרטראַכט ביי די ווענט
נעמען זיי די מאָס פונעם לעבן,
און לערנען מיט אונדז די חכמה פון זיין,
דאָס גליק פון פאַרשטיין און פאַרגעבן.

גיב-זשע מיר צוריק, מיין האַר,
דעם עול פון יענע קליינע דאגות, זאָרגן,
אַז דער טאָג
זאָל באַקומען זיין מאָס און זיין וואָג
און כ׳זאָל קענען דערפילן אויפן גומען דעם טעם,
דעם טעם פון אַ קומענדן מאָרגן.

נו, זאָל זיין שניי

נו, זאָל זיין שניי — אַפילו זאַווערוכע,
וואָס דרייט זיך אין דער לופטן אין אַ ווילד געיעג
און פאַרשטעלט דעם הימל מיט טעמראַווע * ווייסער,
פאַרשיט אַ יעדעס הויז, אַ יעדן וועג און שטעג.

נו, זאָל זיין שניי, זאָל זיין אַ זאַווערוכע
אַבי ס׳זאָל בלייבן טונקלער שליאַד, אַ שפּור
נאָך מיינע טריט און זאָל אויף מיינע וויעס
צעגיין דער ווייסער פּוך מיט טראָפּנס קיל און קלאָר.

און זאָל זיך קייטלען, בינדן די דערמאָנונג
מיט דער בשורה פון אַ צוגעזאָגטן מאָרגן,
בעת עס טוליען זיך צו קנייטשן פון דער צייט
די פּראָסטע, פּשוטסטע, די טאָג־טעגלעכע זאָרגן.

* שניי־זאַווערוכע.

מיין קליינע טאָכטער

מיין קליינע טאָכטער איז אַ מאַמע פון צוויי גרויסע זין —
זי האָט די שוואַרצע, לאַנגע צעפּ מיט יאָרן קריק
אָפּגעשוירן און מיט זיי פאַרבונדן
דעם פרילינג פון אַן ערשטן, קנאָספּעדיקן גליק.

עס איז נאָך טיילמאָל אין איר בליק פאַראַן
דער אָפּשיין פון אַ וואָרט, ווי פון אַ ווייטן שטערן,
אַ וואָרט, וואָס האָט דעם ריח פון פריש־פאַרזייטע בייטן
און דעם טעם פון נאָך נישט אויסגעוויינטע טרערן.

נאָר אירע ליפּן — צוויי פאַרפרעסטע זיגלען
היטן שטרענג און קנאַהדיק דעם ציטער
פון יענע טעג, ווען ס׳האָט אַ האַרבסט, אַ פריער
אַנטבלויזט זיי און געלאָזן נאַקעט צום געוויטער.

און עס איז גלייך אַ חלום וואָלט געדעמערט
און זיך באַנייט מיט יעדן דור אויפסניי,
געפּרוּווט זיך אויסגלייכן מיט בענקשאַפטן פאַרוויייעטע,
וואָס וואַרטן ערגעץ שטיל, געדולדיק און געטריי.

באַשיץ מיך און באַהיט מיך

באַשיץ מיך און באַהיט מיך באַבע חיה,
די עלטסטע טאָכטער פון דיין יינגסטן זון,
פון אַלע דיינע אייניקלעך די איינציקע נאָך דאָ —
שפּרייט אויס דיין פאַרטעך און באַהאַלט מיך אויס,
ווי אַמאָל.

אַרום מיר איז נאַקעט, הויל און גאָל —
עס דינגען זיך אומזיסט
די צינגלעך פון דער וואָג,
דער שפּעט־האַרבסט ווינטיקט אַריין
אין מיין נישט באַוואָרנטן טאָג.

וואַרט אויף מיר אויף דעם ליימענעם באַרג
מיט די פּוקסענע לעכער פאַרדרייטע און שמאָלע,
ביז כ׳וועל קומען צו לויפן פון שקאָלע
פאַרסאָפּעט פון טויטלעכער שרעק,
ווי אין י ע נ ע טעג.

פאַרקנעפּל די ליידיקע, די אָפענע שעה,
ווי דעם מאַנטל אַמאָל, כדי כ׳זאָל נישט פרירן,
און שפּרעך אָפּ גיך, אַז קיינער זאָל נישט הערן
די עין־הרע פון צעהיצטן שטערן —
ווער קען נאָך אַזוי דעם שפּרוך, ווי דו?

און לייג מיר אַרויף די הענט אויף די אויגן,
אַז כ׳זאָל בעסער זען,
ווי צו גיין
אַהיים.

קאַלט איז מיר, מײַן מאַמע

קאַלט איז מיר, מײַן מאַמע —
מסתּם איז דאָס די פֿײַכטע קילקייט פֿון דײַן קבֿר,
וווּ דײַן האַרץ
מיט אַ דײַטשער קויל אין סאַמע מיטן
נערט די וואָרצלען פֿון ביימער
אין פֿאַרקנסונג געהיימער.

כ׳קען אַפֿילו אין חלום דעם וועג נישט געפֿינען
צו יענעם גריידינגער וואַלד,
צעוואַקסן און אַלט.

ס׳קען זײַן, אַז דאָרט איז אַ סטעזשקע פֿאַראַנען
אויסגעטרעטן פֿון פֿאַסטעכלס פֿיס,
אָדער קינדער,
וואָס זוכן די לאַסקאָווע ניס.

און אפֿשר קען דעם וועג אַ פֿויגל אין פֿליען?
ער בעט, זאָלסט זיך מיען
פֿאַר דײַן טאָכטער,
זי זאָל נישט אונטערגיין
אין יענעם שוואַרצן מלכות,
וווּ מען בײַט אויס די טרערן
אויף אַ שמייכל, אַ ווילדן —
וווּ דער שרײַ
הענגט זיך אויף
אויף אַ צווײַג פֿון אַ בוים,
אַז ער זאָל
אַליין זיך נישט הערן.

שטעק־שיך

עס שטייען ביי מיין בעט אַ פּאָר לאַטשן
אַ יעדן אינדערפרי,
זיי זענען מיד און טרויעריק,
ווי אַן אַלטע קראָ אין איר פלי.

זיי פרעגן מיך יעדן פרימאָרגן,
ווי קען מען דערגיין אויף צוריק
צו דער שוועל, וואָס היט נאָך דאָרטן
די שיין פון אַמאָליקן גליק.

— דאָרט, ווו דו פירסט אונדז כסדר
נאָר קברים פון יעדער זייט —
זיי אונדז נישט מער מורה־דרך
און מוחל דאָס געלייט —

און טאַקע איינמאָל פרימאָרגנס,
ווען כ׳האָב זיך פון שלאָף אויפגעוועקט —
דאָס אָרט לעבן בעט איז ליידיק,
די שטעק־שיך זענען אַוועק.

זיי האָבן לאַנג געוואַנדערט
איבער בערג און טאָל און גרוב,
ביז זיי זענען שטיין געבליבן
ביי דער שוועל פון מיין מאַמעס שטוב.

עס האָט זיי דערזען דער שכן,
דער גוי מיטן רויטן קאַרק,
וואָס איז איצט אַ באַלבאָס געוואָרן
פון הויז אויף דעם ליימענעם באַרג.

ער האָט זיי באַקוקט גוט, די לאַטשן,
געטון באַלד די טיר אַ פאַרהאַק,
און זיי שנעל אַריינגעוואָרפן
אין דעם פולן, בייכיקן זאַק.

אין זאַק, דעם בייכיקן, גרויסן,
מיט קליידער און חפצים צוזאַמען
זענען געלעגן צעקנייטשטע
די שטעק־שיך פון מיין מאַמען.

צו מײַן נישט־געבוירענעם זון

פֿאַרוואָס עפּעס הײַנט,
נישט נעכטן,
נישט מיט יאָרן צוריק?

ס׳קען זײַן, ווײַל הײַנט איז גראָד די יאָרצײַט נאָך מײַן ברודער,
און אפֿשר גאָר דערפֿאַר, ווײַל כ׳וועל אַלץ אײַנזאַמער און מידער
האָב איך פּלוצים זיך פֿאַרבענקט נאָך דיר.

געהייסן וואָלטסטו נאָך מײַן טאַטן וואָלף, צי זאב,
און מסתּם וואָלטסטו שוין הײַנט געווען אַליין אַ טאַטע,
און אפֿשר גאָר,
(מען קען ביי דעם געדאַנק אַליין אַראָפּ פֿון זינען)
פֿאַרגאַזט, פֿאַרברענט אין בעלזשעץ מיט דער געלער לאַטע,
ווי מײַן ברודער הערש צוזאַמען מיט זײַן זון,
וואָס איז אויך געווען אַ נאָמען נאָך מײַן טאַטן.

אַזאַ מין מילדע שטילקייט אין דער לופֿט,
ווי ס׳וואָלט דער זומער אויסגעזוניקט זיך אַליין
ביי זײַן לעצטן ברעג —
(מסתּמא איז עס אויך געווען אַזוי
אין י ע נ ע טעג).

נאָר מיר איז קאַלט,
איך פֿריר —
פֿון אינעווייניק קומט די קעלט,
ווי ס׳וואָלטן זיך צעעפֿנט אַלע קבֿרים,
וואָס כ׳טראָג אין זיך
שוין דורך אַזויפֿיל יאָרן.

זיי אָן אָנשפּאַר מיר,
דערלאַנג מיר דיין אָרעם
און פיר,
ווי איך וואָלט דיך געווען געפירט אַמאָל,
און גיב פון צייט צו צייט אַ גלעט —

און אפשר וואָלטסטו גאַר געוואָרן אַ פּאָעט
און אריינגעשמייכלט
מיט פאַרגעבונג און טרייסט
אין די גראַמען
פון דיין מאַמען?

און דו אַליין
וואָלטסט אָנגעשריבן מיר דאָס ליד,
וואָס וואָלט מיך איינגעוויגט צום שלאָף,
ווען דער טרויער וואָלקנט איבער מיר
און איך בין אַזוי מיד.

דאַרפסט זיך נישט שעמען
אָנצורופן ליבשאַפט ביי איר נאָמען —
עס האָבן דאָך פּאָעטן
זייערע שענצטע לידער און סאָנעטן
געשריבן פאַר דער מאַמען,
אַזוי ווי ביאַליק און ווי היינריך היינע,
דאַרפסט זיך נישט שעמען —

איז דאָך גוט, אַוודאי איז עס גוט —
נאָר פאַרוואָסזשע ווילט זיך אַזוי וויינען?

15 אויגוסט, 1964

אַפילו ווערטער

אַפילו ווערטער זענען גראָ געוואָרן
און פאַרבלאַסט
אונטער דעם הויך פון האַרבסט,
און אויסגעגאַנגען מיט אַ לעצטן זיפץ,
ווי בלעטער פאַרוועלקטע אונטער מענטשלעכע פיס.

אַ פאַרשעמטער טאָג
שאַרט צונויף די נעפּלען פון בערג און פון טאָלן
אויף צו פאַרדעקן די אַנטבלויזטע צווייגן
און זיין אייגן, אויסגעלאָשן פנים.

ס'האָבן אָפּגענאַרט אַלע סימנים,
וואָס כ'האָב אַמאָל געלייענט
פון יעדן קנייטש
פון ערד —
כ'בין פרעמד געוואָרן דעם הימל —
עס איז מיר בלויז אייגן
די גרויסע איינזאַמקייט,
ווען די וועלט אַרום מיר
ווערט דערוואַקסן און רייף
צו דער חכמה פון שווייגן.

געשטאַלטן

ווו זענען איצט יענע געשטאַלטן,
וואָס האָבן זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן
אויפֿן קרייצוועג פֿון מײַנע חלומות?

ס'האָט דאָך יעדע פֿון זיי געלאָזן אַ שפּור,
אײַנגעקאַרבט, ווי אַ חתימה
אויפֿן ראַנד פֿון אַנטדרימלטער וואָר.

אָפֿט זוך איך אַרום דאָס פּנים
מיט דעמער פֿאַרצויגן, פֿאַרטראַכט,
וואָס האָט זיך מיר אָנפֿאַרטרויט
אין מיטן דער נאַכט —

טײלמאָל ציט מיך אַרײַן אין זײַן נעץ
אין מיטן פֿון טאָג
אַ שמייכל,
ווי ווײַטע, ווי ווײַטסטע דערמאָנונג —

און טײלמאָל גיט מיך אַ ברי, ווי אַ חלף
אַ בליק,
וואָס שנײַדט אויף ביז צום גרונד
דאָס אַלץ,
וואָס געוועזן איז אַנונג.

זיי זענען דאָך אַלע פון ערגעץ געקומען,
זיי זענען דאָך אַלע ערגעצווו דערגאַנגען —
אפשר צום מלכות פון פאַרוועלקטע פאַרלאַנגען,
אפשר צום ראַנד פון פאַרנאַכטיקע שקיעות,
ווו ס׳דעמערן שטומע נביאות
און וואַרטן אויף גנאָד פון באַשייד?

אויף דער גרעניץ צווישן חלום און וואָר,
ווי אַן אָפּענע וווּנד
זייער שפור.

פון דאַנען ביז אַהין

פון דאַנען ביז אַהין
אַ שפּאַן,
אַ מהלך?

עס איז אַלץ שוין פאַראַן,
עס איז אַלץ שוין פאַרגרייט,
אַפילו דער מלאך
אויפן שיידוועג פון צייט
וואַרט מיט פליגל פאַרלייגט,
ווי מידע צוויי הענט,
מיר אַ קוש טון אין שטערן —

כדי כ'זאָל פאַרגעסן
דאָס אַלץ, וואָס געווען
און ווערן
ווי ער,
אָן שמייכל,
אָן טרויער,
אָן טרערן.

צו מיין טאָכטער *

כ׳האָב דיך געפירט פון לאַנד, ווו אונטער יעדן שריט
עס שפּריצט צערים׳נע ערד מיט בלוט, מיט שרעק, מיט גרויל,
ווו ס׳איז אַ גנאַד דער גיכער, אומגעריכטער טויט
און ס׳בענטשט איר קינד אַ מאַמע מיט אַ שאַרפער קויל.

ס׳האָבן די בליענדע אַקאַציעס אַרויסבאַגלייט דעם הימל
באַגלייך מיט אונדז אויף וועג דעם נע-ונדן, שווערן
אין יענעם טאָג — און זייער זיסער, דושנע-שווערער ריח
האָט שוין געשטיקט די לופט מיט קומענדיקע טרערן.

עס האָט געפעלט מיר מוט אַ קוק טון אויף צוריק,
און אַז כ׳האָב בלויז אַמאָל אין טרוים דערזען מיין היים
און מיין מאַמעס פנים — זענען גראָ געוואָרן מיינע שלייפן
און מיינע אויגן טרוקן, נאָר יעדער טריט — געוויין.

און כ׳ווייס נישט מער פאַר וועמענס לעבן כ׳האָב צו בעטן,
כ׳ווייס נישט דורך וויפל קברים כ׳בין נענטער געוואָרן דער ערד,
ביי וועמענס טיר עס וועט זיך אָפּשטעלן מיין מידער טראָט,
ביי וועלכער שוועל צו פאַלן עס איז מיר באַשערט.

נאָר דו און איך — מיר איינציקע, לעצטע פון אונדזער גאַנצן שטאַם —
איך האָב דיין יוגנט אָנפאַרטרויט אַ מזלדיקן שטערן,
ווי ס׳האָט מיין מאַמע אָנפאַרטרויט איר גאָט די שטילע תפילה,
ווי ס׳האָט מיין באָבע אָנפאַרטרויט איר האַר די הייסע טרערן.

---

* פון בוך „היים און היימלאָזיקייט״, פאַרלאַג פון פוילישע יידן, אַרגענטינע 1948.

נאָר דו און איך — און טאָמער וועל איך נישט דערגיין,
ווײַנט דאָך מײַן מאַמעס תפילה אין דײַן בלוט,
עס צייטיקט זיך אין דיר דער רוף פֿון אַלע דורות
און ס׳וואַרט די סטעזשקע אין מײַן דאָרף אויף דײַנע יונגע טריט.

מאָסקווע, 1944

צעאָדערטע וועגן

נאָר איך און מיין ליד

נאָר איך און מיין ליד
און דער אומעט אינמיטן —

דיין לעצטער שמייכל
אַנטרינען פון דעם קרעמאַטאָריום-פייער
בלאָנדזעט אַרום אויף פאַריתומטע וועגן,
וואָס ווייסן נישט אַליין
וווּהין צו גיין.

איבער מיין קאָפּ
צעטיילט דעם הימל מיט אַ שרינט
פון ווילדע גענדז די טונקלע שורה,
ווי ס'וואָלט זי נאָר וואָס אויסגעווירעט
אוראַלטע בענקשאַפט אינעם בלוט.

דאָס גאַגערן פון ווייטער הייך
טראָגט צו דעם זונאונטערגאַנג
דער ווינט.
זיין אָטעם בייגט די ביימער-שפּיצן
באַשפּריצט מיט האַרבסטיקן קאָליר,
און ס'רעגנט מיט די גילדענע בלעטער
אויף גראָז,
אויף וועג,
אויף מיר.

דער ריח פון ערד,
פון גרינעם מאָך
איז האַרב און שאַרף
מיט דער דערמאָנונג —
מיט טרויער און מיט אָנונג
רײַף —

ס׳לעשט אוים דײַן שמייכל דער פאַרנאַכט,
בעת ס׳פאַרציען גראָע נעפּלען
אַרום זײַן האַלדז אַ שלייף.

ווּהין יאַש איז געפֿאָרן

פֿאַר יעקב גלאַדשטיין

I

ווּהין יאַש איז געפאָרן מיט יאָרן צוריק
זוכן זיינע שטראַלנדיקע יידן
אין שטעט און אין שטעטלעך,
אויף מערק און יאַרידן,
וואַקסט איצט די שטילקייט ביי געבויגענע פלויטן,
און ס׳הענגען די נעפּלען,
ווי גראָע, צעפּאַטלטע צויטן.

עס ווּנדיקט דאָס האָלץ ביי יידישע טירן
מיט אָפענע ריסן
נאָך מזוזות,
וואָס ס׳האָט דעם שכנם האַנט אַראָפּגעריסן.

דעם טאַטנס שאָטן בלאָנקעט אויף פּוילישע וועגן
צווישן מאַידאַנעק און צווישן לובלין
און זוכט דעם בלאָנדן קאָפּ
פון זיין יונגן זון.

דורך אַלע טרויערן

II

דורך אַלע טרויערן פֿון אונדזער דור
האָסטו זיך דערראַנגט צו יענער רגע פֿון באַשייד,
ווען ס׳ווערט דאָס וואָרט אַלץ שטילער און פֿאַרטראַכטער,
ווי ס׳וואָלט דער טרער געגעבן דאָס געלייט.

האָסט אָנפֿאַרטרויט דער איינזאַמקייט,
וואָס מדבּרט אַרום יידישע פּאָעטן
דעם אוצר פֿון דיין טאַטע־מאַמעס שפּראַך
און פֿירסט דיין יידיש צום אויסגעבענקטן לאַנד,
ווי משה דאָס פֿאָלק פֿון תנ״ך.

פרילינג

דאָס יונגע ביימל ביים וועגראַנד
האָט זיך איבער נאַכט צעבליט,
און ס׳איז אַליין פאַרחידושט
פון אַזויפיל ראָזלעכן צווייט.

עס שפּילט זיך מיט אייגענעם שאָטן,
ווי מיט דער שלעפּ פון אַ קלייד,
און ווייסט נישט, אַז צווישן די צווייגן
אַ טרוים גייט אויף — און פאַרגייט.

אַ לאָנקע צווישן בערג

פאַר ד״ר שלמה ביקל

די קליינע, געלע פייגל, וואָס כ׳קען נישט זייער נאָמען,
מיט פליגלען איינגעפּאַסט אין טונקל־ברוינע ראָמען,
גלייך ס׳וואָלט דער אָטעם פונעם האַרבסט באַהויכט דעם מיטן־זומער,
טרעפן שטענדיק צו דער לאָנקע מיט די פּוטער־בלומען,
וואָס ליגט צעגאָלדיקט אין דערוואַרטונג שטוינענדער און פרומער.

און ווייסט נישט, ווער ביי וועמען ס׳האָט די פאַרב אַנטליען —
צי האָבן זיך די פייגל פאַרוואַנדלט דאָ אין בלומען,
צי ס׳האָבן זיך די בלומען אַ הייב געטון, ווי פייגל,
געבליבן הענגען אין דער לופט, מיט זונענליכט פאַרשפּינען,
ווי אַ בייטשל אויפגעציליעטע בורשטינען,
ביז ס׳גיט זיי אַ פאַרוואַרף דער ווינט אויף האַלדז פון גרינעם צווייגל.

ווערבע בײַם טײַך

ווי אַ מויל פֿאַרזיגלט מיט אַ קוש, אַ לעצטן,
איז דער טײַך געוואָרן אַזוי שטיל־פֿאַרטראַכט,
בעת ער היט דעם זילבערדיקן שימער פֿון די שטערן,
וואָס ס׳האָט אין איר וואַנדל פֿאַריתומטן, שווערן
פֿאַרלוירן די נאַכט.

ער פֿאַרדעקט די שטערן מיט פֿאַלדן פֿון כוואַליעס,
די נאַכט זאָל זיי נישט קענען מער געפֿינען,
זיי זאָלן זיך פֿאַרקנסן מיט זײַן גרונד, דעם טונקלען
אין אַ געהיימען בונד, און אין זײַן טיפֿקייט פֿינקלען
מיט אייביקן באַגינען.

נאָר די ווערבע־וואָראָזשקע שעפּטשעט מיט די בלעטער,
שטרעקט ווי אַ האַנט איר צווײַג צום שימערנדיקן שײַן,
וויל אײַנזאַמלען די שטערן איידער ס׳ווערט צו שפּעט
פֿאַר לייטערנדיקן טרויער, דערלייזענדיק געבעט,
ערב דעם פֿאַרגיין.

דער אינדיאַנער זומער

דער אינדיאַנער זומער,
וואָס האָט אַמאָל באַפאַרבט די הויט
פון אַלע זיינע שבטים,
קיניגט איצט איבער די פעלדזן שווערע
און פלאַמט אין זיי אַריין
צוזאַמען מיטן הארבן, שאַרפן אָטעם
די בענקשאַפט קופּער־רויט.

די גראָע וועוועריקעס אין שפּילעוודיק געיעג
וויקלען זיך אַרום די צווייגן און די שטאַמען,
ווי ס׳וואָלט וועדער שטראַמען אַש געשיט פון פולן איימער
צו לעשן דעם צעצונד׳נעם פלאַקער פון דיביימער.

דער ווינט האָט אויף אַ ווייל צונויפגעלייגט די פליגל,
ווי אַ שמעטערלינג אויף חשוונדיקער בלום,
שיכור מיט זאַפט און ריח און דעם ביסל שיין,
וואָס האַלט אים אויף אַ רגע, אָדער צוויי
ערב זיין פאַרגיין.

און אין דער שטילקייט הערט זיך בלויז דאָס שאָרכן פון די בלעטער,
בעת זיי פאַלן פון די ביימער איינציקווייז, באַזאַכט,
און בלייבן הענגען אין דער לופטן אויסגעשפּרייטע, מידע,
ווי הענט מיט פינגער אָפן און פאַרשטאַרט
אינמיטן שרייבן זייער לעצטע ווידוי.

אין חודש פון די פֿאַלנדיקע בלעטער

אין חודש פון די פֿאַלנדיקע בלעטער
האָב איך געזען אַ שטערן פֿאַלן שטיל, באַזאַכט,
גלייך ער וואָלט וועלן אויסטרינקען דעם אומעט
פון דער טונקלער, השוונדיקער נאַכט.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין שורש,
ווי ס׳וואָלט אים אָפּגעבראָכן עמיצס שטאַרקע האַנט,
אַז ער זאָל מוזן פֿאַלן, פֿאַלן, פֿאַלן,
פון מזל אָפּגעשיידט, צו קיינעם נישט פֿאַרוואַנדט.

זיין לעצטער פֿלי דורך די מרחקים ווייטע
האָט צעטיילט דעם הימל מיט אַ זילבער־שרינט,
בעת עס האָט פון גראָע, פֿליסנדיקע כמאַרעס
געריסן צויטן אַלולדיקער ווינט.

ס׳האָט זיך געריפט די לופֿט מיט תּפֿילה און מיט טרערן,
ווען ס׳איז געזונקען און עס האָט געשווערט
צו אַ פֿרעמדער, אומבאַקאַנטער ערד
אַן איינזאַמער, אַ נע־ונדער שטערן.

ביי אַן אָזיערע

דאָס געשריפט פון גראָע, כוואַליענדיקע נעפּלען
איבער אָזיערע אין דער פרימאָרגן־שעה
האָט דורכגעריסן אין דער סאַמע מיטן
דער שאַרפער אויסרוף־צייכן פון אַ שוואַרצער קראָ.

פאַרפאַלן — עס בלייבט שוין די מעשה נישט פאַרענדיקט,
וואָס עס האָט די שטילקייט אויסגעטראַכט
און זי אָנפאַרטרויט פאַרטאָגיק־גראָע נעפּלען
אויפן ראַנד פון אלולדיקער נאַכט.

עס שאָרכן בלויז די חשוונדיקע בלעטער,
טרוקן און האַרט, ווען ס׳טריפט פון זיי אַראָפּ
ווי צעשמאָלצן קוועקזילבער די שווערע, קילע ראָסע
טראָפּ נאָך טראָפּ, נאָך טראָפּ.

מיטן ווינט

מיטן ווינט סע פליען, פליען
בלעטער אָפּגעריסענע,
ווי טרויעריקע מודעות
איינגערעמט אין נעפּלען טונקל־גראָע.

אויפן שפּיץ פון אַ בוים
אַן איין־איינציקע קראָ,
ווי אַ חתימה,
וואָס פאַרזיגלט
די פאַרנאַכטיקע שעה.

אַרום מיר ווערט אַלץ שטילער און שטילער,
ווי אין דער ערב־נאַכט קילער
וואָלט פּלוצים אָטעם פאַרפעלט
דער ערד.

פאַרבלאָנדזעט אין גרויסן, אַרומיקן שווייגן
זוך איך אַ סטעזשקע,
אַ וועג,
וואָס זאָל מיר ווערן אייגן.

דער ווינט נעמט די מאָס פון געראַנצלטע שטאַמען,
אַ בינטל שטראַלן פון אַ גאַס־לאַמטערן
בלייבט הענגען צווישן נאַקעטיקע צווייגן,
ווי אבשלומס זון־געקרויזטע לאָקן.

דער גראָער נעפּל טריפט אַראָפּ
אויף מיין קאָפּ,
אויף אַקסלען און שטערן,
ווי מלך דודס טרערן.

האַרבסט

דעם טרוים פוןביימער האָבן פייגל מיטגענומען
מיט זיך אין ווייטן, דרומדיקן לאַנד,
זיך אויפגעהויבן פלוצים און די לופט באַפינטלט,
ווי שטיינדעלעך צעוואָרפענע פון כביכולס האַנט.

און באַלד — זיי פליען שוין מיט זייערע קאַפיטאַנען
אויסגעפורעמט אין אַ סגל, דלד, אָדער גימל,
ווי אַ טונקלער כתב, וואָס בענקשאַפט האָט געלאָזן
אינעם לוח פון דעם חשוונדיקן הימל.

דעם טרוים פון ביימער האָבן פייגל מיטגענומען,
און אין זייערע האַרטע, מאַכבאַוואַקס׳נע קאַרבן,
ווי אין רונצלען טיפע בלויז געלאָזט דעם טרויער,
וואָס וואַרט אויף מיר — איך זאָל אים קומען אַרבן.

בלעטער אין האַרבסט

עם האָט דער ווינט געגעבן זיין הסכּמה —
די לעצטע געלע בלעטער זענען זיך צעפלויגן,
געדרייט זיך, ווי פאַרטריבענע פון נעסטן
פייגל מיט בלינדע, אויסגעלאָשענע אויגן.

און דאַן געבליבן ליגן — גילדנע מעדאַליאָנען,
איינגערעמט אין טונקלער, רויער ערד —
די ברוינע אָדערן האָבן אויסגעזשאַווערט
אַלע בענקשאַפטן, וואָס זומער האָט באַשערט.

ס׳האָט דער נאָוועמבערדיקער טאָג געסילוקט
געדיכטע נעפּלען ווי וואַלן דעם פאַרנאַכט
אויף איינצוהילן די אַנטבלויזטע ביימער
אין אַ נייער, גראָער, חשוונדיקער טראַכט.

דער נעפּל האָט געטריפט מיט טראָפּנס קיל און שווער
פון צווייגן נאַקעטע, פון שטאַמען פון די ביימער,
גלייך ס׳וואָלט געוויינט אַ יעדער זיינער קנייטש
אויף יעדן בלאַט, וואָס איז געוואָרן שיימער.

ווינטער

דער ווינטער האָט קמצניש איינגעקנייטשט די טעג
און מיט תכריכים־שטעך פון ווייסן פראָסט
פאַרנייט דעם שפּאַלט צו בענקשאַפטן און טרוימען.

דער הימל מיטן טריבן, פאַרבעלמעטן אויג
שפּאַרט זיך אָן אויף הויכע, נאַקעטיקע ביימער,
און טאַפּט דעם וועג פאַרויס
צום ערשטן באַלויכטענעם הויז.

א שעה, וואָס האָט זיך פאַרדינגען צום ווינט
אָפּצוקערן אָנגעהויפטן שניי,
איז געבליבן ליגן
מיט אַנגסטן באַשלאָגן
און געמפּלט אין מיטן פון גאַס
מיט אַ פריעם פאַרנאַכט.

אַ היימלאָזער הונט
שמעקט אַרום די קאָרע פון ביימער,
די טריט אינעם שניי
פון אַ מענטש,
וואָס איז נאָר וואָס פאַרביי —
מסתמא דער באַלבאָס פון וואַרעמע ווענט
באַלויכטענע העל,
און פון הענט,
וואָס קענען אַ גלעט טון די געפרוירענע פעל.

פֿאַראַנען ווערטער

פֿאַראַנען ווערטער — אויפֿגעקומענע נגידים,
געפּאַקטע, קורצע, מיט צוויי גילדנע זייגערס
ווייזן דער צייט, אַז זי איז זייער אייגנס.

זיי האָבן שוין די וועלט גענומען אין אַרענדע,
פֿאַרשטעלט מיט זיך דעם בלאָעם שיין פֿון דער לעגענדע,
דער אייביקייט אַפֿילו אַן אַדרויף געגעבן
זי זאָל זיי פֿאַרזיכערן אי רום, אי זיג ביים לעבן.

זיי מאַכן זיך אַ יעדן ציטער אונטערטעניק,
מעסטן דעם טרויער מיט אַרשינען אין דער לענג און קווער,
נעמען פּראָצענטער הויכע פֿון אַ יעדער טרער —
ס׳איז אַלץ ביי זיי אַ קערן,
אַבי מען זאָל זיי קענען זען און הערן.

בעת זיי נעמען זיך צונויף אין לאַנגע שורות,
מאַרשירן, ווי סאָלדאַטן מיט אַ קנאַקעדיקן טראָט
אויף דער ברייטער בינע —
איז אַלץ, וואָס איז געווען קנאָספּענדיקע אנונג
באַהאַלט זיך אוים אין שאָטן,
זוכט אַנטרינונג,
און ערגעץ אין אַ ווינקל
זיצט און וויינט די שכינה.

וויפל פאַרזעסענע, פאַראייִנזאַמטע טעג

וויפל פאַרזעסענע, פאַראייִנזאַמטע טעג
מיטן טרויער אַלס אייִנציקן צושטייער
האָבן זיך קוים דערוואָרט צו דעם גראַלעכן דעמער
ער זאָל זיי צודעקן דעם קאָפּ מיט חופּה־שלייער.

געבדחנ׳ט האָט די סאָווע פון דעם נאָענטן וואַלד
„או־הו, או־הו, או־הו״,
גרילן האָבן אויסגעפידלט זייער זאָרג
פּאַר בענקשאַפטן אַלע,
וואָס לעבן אויף באָרג
ביי אַן אַנטליענער שעה.

צו די שבע־ברכות איז געקומען די נאַכט,
געכליפּעט מיט קילע, דורכזיכטיקע טרערן,
עס האָט איר לבנה די אויגן געווישט
מיט אַ טיכל געהאַפטן מיט שטערן.

און ס׳האָט זיך געדאַכט, ס׳איז טיפער געוואָרן
דער הימל, ווי ער וואָלט זיך געגרייט
אויפצונעמען דעם מלאך, וואָס וועט קומען צו פליען
אייִנצוזאַמלען דעם טרויער און אים געבן ס׳געלייט.

אַ פאַרנאַכט אין מושב־זקנים

אונטער די קאָלאָנעס פון ברייטן באַלקאָן,
אויף שטולן אויסגעשטעלטע אין אַ ריי,
גלייך אויף אַן אָפענער און ברייטער בינע,
זיצן מיט פאַרלייגטע הענט די אַלטע לייט,
ווי וואַקס־פיגורן צום פאָזירן גרייט,
ווען ס׳וועט זיך שטעלן קעגנאיבער זיי
מיט פענדזל און פּאַלעט
דער בין־השמשות
צו מאָלן פון אַ יעדן איינעם
זיין פּאָרטרעט.

די ווייסע קעפּ אין ראַמען פון דעם ווילדן וויין
זענען ווי פלעקן שניי וואָס ווינטער האָט געלאָזן
אַ דיזגע * פאַר דעם יונגן גרין פון בלעטער און פון גראָזן.

די ווערטער זענען אַזוי פּיסנע, אַזוי נאַקעט־הויל,
ווי די טעג און נעכט פון אָט די אַלטע לייט,
וואָס מעלה־גרהן אַ דערמאָנונג אין די לאַנגע שעהן,
און אַלץ וואָס איז געווען
ווערט ווייטער נאָך פון ווייט.

אַ גענעץ, אַ זיפץ, אַ בליק אין דער זייט
צו דער גאַס, וואָס געוועזן איז היימיש־געטריי,
געהילכט מיט געלעכטער, מיט קינדער־געשריי
איידער זי האָט זיך געלאָזט אין געלאָף

* לעצטגעלט.

צו אַ נייער און פרעמדלעכער ווייט,
און געלאָזט אין דער מיט פון פאַרלאַטעטע הייזער,
ווי אַ משכון דעם מושב־זקנים
מיט זיי, די אַלטע לייט.

בעת ס׳שווימט צו דער פרילינג צום ברייטן באַלקאָן
אויף ריחות פון בעז און צעבליטן זשאַסמין,
פלעכטן זיך אויף אַ ווײַלע די הענט
פאַרלייגט אויף די קני,
אויף דער טראַכט,
און וויגן, וויגן, וויגן
דעם ליידיקן פאַרנאַכט.

דער יונגער, שלאַנקער פּרינץ

צו בעריש ווײַנשטיינס זעכציק יאָר

דער יונגער, שלאַנקער פּרינץ,
וואָס איז פון מעשה־בוך אַרויס,
האָט געקושט מיט זיין ברייטן, באַפעדערטן הוט
דעם שטויב פון דער שוועל ביי מיין מאַמעס הויז.

זיינע טיף־בלאָע אויגן אַזוי טרויעריק און שיין
ווי צעפּרילינגטער חלום, וואָס וויל נישט פאַרגיין —
אין זיין בליק איז געווען באַפעל און געבעט:
— קום מיט מיר און נישט צעגער, נאָר קום,
ווייל שפּעטער — עס קען זיין צו שפּעט.

פון יענער זייט פּלויט האָט אויף אונדז שוין געוואַרט
דאָס געזאָטלטע פערד צוגעבונדן צום בוים,
אַ מילך־ווייסער אָגער, וואָס קען זיך פאַרמעסטן
מיט ווינט און מיט בליץ אויפן וועג צו דעם טרוים.

די קאָפּיטעס שאַרן דאָס גראָז און די ערד,
עס מאַרשטשעט דער אומרו זיין זיידענע פעל,
ווי ס'וואָלט זיך געיאָגט אויף פאַרנאַכטיקן טייך
מיט זילבערנעם ציטער אַ וועל נאָך אַ וועל.

די לופט איז געווען אַזוי פאַרנע און שווער
פון ליפּעס צעצווייגטע באַלאָדן מיט צווית,
אַ חופּה פון ריחות איבער אונדזערע קעפּ
און דער הימל מיט שטערן צעבליט.

און אַט איז דער פלויט, אונדזער היימישער פלויט
אויסגעפלאָכטן פון יונגע, צעבויגענע צווייגן —
ער שטייט אויף דער וואַך, ווי אַ היטער געטרייער
אין זיין פאַרעקשנטן שווייגן.

פון פלויט הענגט אַראָפּ די גרינלעכע שלעפּ
פון בלאַסער לבנה פאַרטשעפּעט ביים לויף —
דאָ האָט מיך דעריאָגט דער רוף פון מיין מאַמען:
„ווו ביסטו עס, רוכטשע? די טיר איז נאָך אויף!"

און אַזוי האָט דער פלויט אונדז ביידע פאַרהאַלטן —
צוערשט די לבנה מיט צעלאָזענעם שלייער,
און אויך מיך — איך זאָל סילוקן, געבן
דער נאַכט מיין בענקשאַפט צושטייער.

אָ, ווען נישט דער פלויט, יענער וואַכזאַמער פלויט,
וואָלט איך היינט שוין געוווינט אין פּאַלאַץ פון קרישטאָל,
פאַרגעסן דעם טרויער, דאָס מענטשלעכע לייד
און געהיטן די מעשה פון וויטסטן אַמאָל.

און ס'קען זיין מיר וואָלטן געבלאָנדזעט צוזאַמען,
דער פּרינץ אין זיין הוט, איך מיט באָרוועסע פיס
אויף דעם רוקן פון פלינקן, פון שניי־ווייסן פערד,
ביז ס'וואָלט אונדז אַקעגן געקומען אַ מלאך,
וואָס האָט זיך דערטרוימט צו דער פּשוטער ערד.

די בלאָע פיר פערד *

אויף די בלאָע פיר פערד פון מאָלער פראַנץ מאַרק
איז געקומען צו רייטן דער גראָער פאַרנאַכט,
אַ שטאָפּעט מיט אַ בריוו — דער זיגל העל־רויט,
ווי אַ וווּנד ביי אַ זעלנער נאָך אַ בלוטיקער שלאַכט.

דער זיגל איז רויט, עס איז ווייס דאָס פּאַפּיר,
נאָר די אותיות פאַרמעקט, אָפּגעריבן,
ווי געטונקען אין שטויב, דעם שטויב וואָס איז היינט
די האַנט, וואָס דעם בריוו האָט געשריבן.

אויף די בלאָע פיר פערד אַ געלבלעכע שיין,
ווי ס׳וואָלט די לבנה געפלעקט זייער הויט,
בעת זיי דרייען זיך אויס און האָרכן זיך איין
אין שטילקייט וואָס רייסט זיך מיט אָנונג און טויט.

ביי איינעם דאָס אויג אויפגעריסן אין שרעק,
איינס תמימותדיק, גלויביק פאַרטראַכט,
דאָס דריטע צעפּעכערט דעם עק צום געלאָף,
נאָר דאָס פערטע, וואָס ווייסט — קיין אַנטרינען נישטאָ —
סילוקט זיין בלאָקייט דער איינזאַמער נאַכט.

די בלאָע פיר פערד אַ גרוס פון דער וויים
צו דער דיכטערין עלזע אין פרינצלעכן קלייד,
וואָס געגראַמט האָט איר לעבן מיט זיסקייט פון ערד,
מיט די טרויעריקסטע שטערן און געליטערטן לייד.

---

* „פון אַלע מאָלער פון 20סטן יאָרהונדערט איז פראַנץ מאַרק — נאָך פויל קלעע און מאַרק שאַגאַל — אָן שום ספק דער פּאָעטישסטער" — שרייבט וועגן אים געאָרג שמידט. בעתן ערשטן וועלטקריג פלעגט פראַנץ מאַרק שיקן פון דעם פראָנט צו עלזע לאַסקער־שילער פּאָסטקאַרטן מיט זיינע פאַנטאַסטישע געמעלן, אויף איינער פון זיי — „די בלאָע פיר פערד".
דעם 4טן מאַרץ 1916 איז פראַנץ מאַרק אומגעקומען אין אַ שלאַכט ביי ווערדען, פראַנקרייך.

אַרטור זיגעלבוים

װען איז זי באַשטימט און באַזיגלט געװאָרן
דײַן װוּנדערלעך־גרױסע, אומשטערבלעכע טאַט ?
צי האָט זי דײַן קינדהײט געהאַט אױסגעחלומט,
צי איז זי געקומען, װי אַ טונקלע שליחה
אין דײַן לאַנדאַנער נע־װנד ?

און אָנגעקלאַפּט שטיל אין דער טיר פֿון דײַן שטוב,
אַ פּרוי, טיף־פֿאַרשלײערט און מיד —
„כ׳קום פֿון װאַרשעװער געטאָ, פֿון ברענענדער ערד,
מײַנע קלײדער צעריסן, מײַנע ברעמען פֿאַרזענגט
און מײַנע ליפּן אין בלוט"

איז זי שױן געבליבן אין שותּפֿות געטרײַער
צו דײַנע פֿאַריתומטע טעג,
אין פֿאַראָבלטע נעכט דיר געשטאַנען צוקאָפּנס
און געװיזן דעם אײנציקסטן װעג.

האָסט אין טירן געקלאַפּט, אין פֿאַרשלאָסענע הערצער
פֿון דער װעלטס באַלעבאַטים : „ס׳איז אַ חרפּה, אַ שאַנד
אָנצורופֿן זיך „מענטש", װען פֿאַרגאַזט װערן קינדער
און ס׳הײבט זיך בײַ קײנעם פֿאַר רעטונג אַ האַנט" —

האָסט געשלעפּט פֿון פֿאַרטפֿעלן די שטױסן פּאַפּירן
מיט ציפֿערן לאַנגע געכפֿלט דורך טױט —
און װאָס לענגער די ציפֿער, אַלץ קלענער די צאָל
פֿון יענע, װאָס װערן אין אַש אײַנגעגרױט.

זיי שמייכלען, די הערן, גאָר העפלעך, גאָר פיין:
„גאַנץ מעגלעך, אַז איר זענט גערעכט,
מיר ווילן אייך גלויבן — נאָר ברענגט אונדז באַווייזן,
מיר זענען דאָך אַלע פון שטרענגע געזעצן די קנעכט״.

אויב עס שטימט דער חשבון פאַר אייך, מיינע הערן,
איז מיין לעבן, מיין גלויבן געוועזן אַ גרייז —
איך חתמע מיט בלוט יענע ציפערן לאַנגע,
זאָל מיין טויט זיין פאַר אייך דער באַווייז.

אין אַ מאַיאָווער נאַכט, ווען ס׳בליען די סעדער
און געאָרעמט מיט שטערן גייט דער פרילינג פאָרויס,
האָט אַ פענצטער, אַן איינציקס געוואַכט מיט זיין ליכט
אין דעם טונקלעם אַלט־לאָנדאָנער הויז.

האָסט געשריבן די בריוו מיט אַ רויִקער האַנט
ס׳זאָל זיי לייענען דער ערשטער קאַיאָר —
ס׳האָט אַ שאָס אָפּגעהילכט, אַן איינציקע שאָס
אָפּצומעקן די חרפה, די שאַנד פון אַ דור
דורך אייגענעם טויט, מיט אייגענעם בלוט —
און פאַר י ע נ ע, וואָס האָבן אומזיסט דאָרט געוואַרט
אַ לעצטער סאַלוט!

מאָנטרעאַל, 1950

די פאַרטראַכטע הענט פון דער פרוי

די פארטראכטע הענט פון דער פרוי
צעפלעכטן די נעכטיקע טעג,
וואָס שמעקן מיט בענקשאפט,
ווי פיאָלקעס מיט פרילינג
ביים ראנד פון אַ וואלדישן שטעג.

פון ווינקל אַפיר קוקט דער טרויער
מיד און פארוויאנעט און גרוי,
און ציילט די אָדערן בלויע
אויף די הענט פון דער איינזאמער פרוי.

אַ שמייכל, פארנארט פון דער ווייטן
דורך קילן, פארנאכטיקן טוי,
פלאַטערט אַרום און ווייסט נישט —
צי זאָל ער באקרייזלען די ליפּן,
צי קושן די הענט פון דער פרוי.

נאַכטוואַנדלער

פאַר נאַכטוואַנדלער
געזאַלבטע מיט לבנה־שיין,
וואָס לאָזן זיך גיין
מיט אויגן פאַרמאַכט
זוכן פאַרלוירענע טרוימען
ביים ראַנד פון דער נאַכט,
עפנט זיך טיילמאָל
אין פאַרחתמעטער הויך
אַ דין־דינער שפּאַלט,
ווי אַ קריעה־שניט
נאָך אַלע גן־עדנס
דערטראַנקען אין בלוט
און אין רויך.

דעמאָלט בלייבן זיי שטיין
אויף גזימסן,
אויף דעכער,
מיט פאַרשטאַרטן געזיכט,
מיט הייליקן ציטער אין יעטוועדן גליד —
כהנים פון שווייגן,
פון גרינלעכן ליכט,
און האָרכן זיך איין,
ווי ס׳רייפט זיך די שטילקייט
מיט אויסלייזערם טריט.

מאָדערנע מאָלעריי

די פאַרבן שרייען מיט דער שרעק פון אונדזער צייט,
ווי עס וואָלט געשונדן וועד פון זיי די הויט —
די פייערדיקע רעדער — פורפור, אָראַנזש, רויט,
דרייען זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד
אַרום אַ ליימענעם, פאַרשטאַרטן גאָט.

ביי דער פיגור צונויפגעשטעלט פון פיל־קאָלירטע פלעקן
לאַכט
דאָס איינע גרינע, שיקלדיקע אויג
און זוכט די נאַכט
אויף צו פאַרדעקן
אַלע פחדים, שרעקן
פון אַ צעפּערטלטן,
געשענדטן גוף.

דער דרייעק פון די ליפּן
אָנגעשפּיצט ביים רוף
וואָרנט דעם גוף
ער זאָל זיך נישט באַקענען מער
צו דעם באַשעפער,
נאָר אין אַ ביטערן רעוואָלט
צעשטערן אַלץ,
וואָס קען דערמאָנען אים
אָן צלם אלקים.

הערצער פון מאַשינען קלאַפּן אוים נצחון,
אַז דער מענטש,
די ערד,
די קברים
זאָלן הערן.
אויף יעקבֿס לייטער
פון ערדישן טאָל
צום אויסגעשטערנטן חלום
קלעטערט אַ גולם פון שטאָל
אויף צו קעפּן דעם טרוים, די לבֿנה, די שטערן.

בלאָע נעפּלען איבער בערג גלילער

בלאָע נעפּלען

דעם נשיא המדינה און רחל שזר

I

בלאָע נעפּלען איבער בערג גלילער —
אין דער הייך צעשיטע שיטערע דריי שטערן,
עס זאָל קיניגן אַליין לבנה פולע
און דער גאַנצער הימל זאָל צו איר געהערן.

ווו עס פאַלט לבנה׳ס ליכט אויף דעם כנרת
קרויזן זיך מיט ראָזלעך־בלאַסן אָפּשיין וועלן,
ווי עס וואָלט געוועקט זיך אין דער טיף פון דרימל
אַ פאַרזונקענער, פאַרגעס׳נער מאָרגנשטערן.

ערגעץ אין אַ הויף צעכליפּעט זיך אַן אייזל
מיט אַ טרויעריק, אַן אומהיימלעך געקלאָג —
עס איז מסתמא איצט געקומען אים צו חלום
די שווערע לאַסט פון מאָרגנדיקן טאָג.

סע קרייזן, קרייזן פלעדערמייז אין פליען
איבער וואַסער, איבער באַרג און בוים,
ווי די נאַכט אַליין אַרויסגעלאָזט וואָלט פיילן,
פיילן טונקעלע צום סאַמע האַרץ פון טרוים.

טבריה, דעצעמבער 1965

טבריה

II

זי טראָגט נאָך אַלץ דעם פרעמדן נאָמען, ווי אַ סגולה
אויף צו געדענקען גוט די רוימישע אימפּעריע,
וואָס האָט מיט די סאַנדאַלן האַרטע פון לעגיאָנען
דערשטיקט דעם זיפץ פון ערד און זי, די שטאָלצע טבריה

פאַרמשכונט צו פּאַטריצישע מאַטראָנעס
זי זאָל די פּיס זיי וואַשן און באַדינען —
די מויערן באַוואַקסענע מיט ווילד-גראָז און מיט שימל
קרישלען זיך און ס׳שטאַרן קעגן הימל
די רוימישע רואינען.

עס הייבן אָן אַן אַלטע מעשה צו דערציילן
די בערג אַרומיקע מיט מיילער אָפענע פון היילן —
און אין דער בלאָער שטילקייט פון נישט-הי
פעדימט זיך איין ס׳געזאַנג פון יונגע שטימען
„אָ, כנרת שלי״.

דאָס וואַסער שימערט ראָזלעך אונטער דער לבנה,
בעת סע טרינקט, ווי וויין, די ווערטער דער כנרת
און ווערט אָנגעשיכורט מיטן שטילן טרויער
פון זיין איינגעשטילטער, בלאַסער משוררת.

טבריה, דעצעמבער 1965

איך וואָלט נישט וועלן

איך וואָלט נישט וועלן, אַז מען זאָל מיך שטענדיק פרעגן,
ווי דו געפּעלסט מיר אין דיין פריש־באַנייטער טראַכט —
ס׳איז עפּעס אַנדערש׳ס גאָר צעווישן דיר און מיר,
וואָס גייט אויף אין אַ שטילער שעה ערב פאַרנאַכט.

ווי האָב איך ווערטער דען, וואָס זאָלן קענען סטאַיען
און זיך פאַרמעסטן גאָר מיט שורות פון אַ ליד
צו קלעטערן אויף וועג פון פעלדז אַרויסגעריסן,
דעם וועג איבער אַ תהום, אַרויף צום „אדמית״.

ווי האָב איך ווערטער דען, וואָס זאָלן קענען
אַרומנעמען די ווייסע קעפּ און האַרט־געוואָר׳נע הענט,
וואָס האָבן דאָ געשומר׳ט און געטריקנט זומפּן,
און אַליין געוואָרן אי דאַך, אי טיר, אי ווענט?

נאָר ווען איך טרעף מיט דיר זיך ערב אַ פאַרנאַכט
ביי דעם גלבוע־באַרג, ביים זוים פון עין־גדי,
אונטער ציפּרעסן פון דגניה און אין עין שמר
אין שאָטן פון צעבליטע, פרילינגדיקע סעדער,

איז ווי מיין קינדהייט וואָלט זיך אומגעקערט צו מיר,
און אין דער גנאָד פון שעה, וואָס כ׳האָב דיך דאָ געטראָפן
שעמערירן בייטן פון די יונגע גערטנער,
ווי פון אַ ליבע־ליד די פריש צעגרינטע סטראָפן.

1958

ס׳פאַלט צו די נאַכט

ס׳פאַלט צו די נאַכט צו כרמל־בערג
און זע נאָר, זע, ווי ס׳מערן
און ס׳פּאַשען זיך דאָרט אין דער הייך,
צעוואָרפענע, ווי שעפסעלעך
מיין באָבע חיהס שטערן.

כ׳געדענק, כ׳געדענק נאָך דעם פאַרנאַכט
אַ ביסל מיד פון קאַרשן־צווייט,
וואָס האָטביים מינדסטן בלאָז פון ווינט
די ערד מיט בליעכץ ווייס פאַרשיט.

עס האָט דעם שבתדיקן טאָג
געהיט מיין באָבע שטיל און פרום —
כ׳האָב נישט געוווּסט — איז דאָס איר שעפּטש,
צי פון די בינען דאָס געזשום?

ביז ס׳האָבן זיך געשטעלט אויף וואַך,
אָט גראָד איבער דעם סאַמע דאַך
די דריי פאַרטראַכטע שטערן —
און ס׳האָט אַ טונקלע פייגל־סטאַיע
געטראָגן צו די נעסטן זייערע
דעם לעצטן אָפּשיין פונעם טאָג
און ס׳בענטש־וואָרט פון מיין באָבע חיה.

חיפה, 1958

די ערד איז פייכט

די ערד איז פייכט פון ערב־פרילינגדיקן רעגן,
זי פּעלבלט זיך מיט בערגלעך קרעטאָווינע —
איך טרעט אויף אונטערערדישע פּאַלאַצן, לאַבירינטן
אונטער דער פעל פון גראָזן זאַפטיק־גרינע.

די טונקל־רויטע שטערן פון ערשטן אַנעמאָנען
וואַקסן דאָ באַהאַלטן און פאַרבאָרגן
צווישן זשאַווערדיקן שטעכדראָט פאַרקנוילטן אין ספּיראַלן,
ווי אַ שלאַנג, וואָס האָט איר סם אַריינגעהאַקט אין קרבן.

די ברייטע קאַקטוס־בלעטער מיט די שאַרפע שפּיצן
היטן די שטילקייט פון דער מיטאָגדיקער שעה —
ס׳צלמט די געלע זאַמדן און די פייכטע גראָזן
דער שאָטן פון אַ פליענדיקער קראָ.

ס׳שווייגן מיט מיר די אַלטע, קרישלענדיקע שטיינער —
איך דאַרף בלויז אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף זיי, אַז כ׳זאָל דערהערן
דעם פלאַטער פון אַ מלאכס פליגל, וואָס זענען גראָ געוואָרן
פון טרעמבלינקעס אַש און פון מיין מאַמעס טרערן.

רמת אביב, 1966

ערב־פרילינג

אַ שבת אין רמת אביב
אין סאַמע חודש שבט —
די גאַסן שיכורע מיט ערב־פרילינג
האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום כביש,
ווו ס׳שמעקט פון ביידע זייטן וועג
מיט גראָזן יונג און פריש.

די טערקל־טויבן זיצן פּאַרווייז אויף די ביימער,
ווי זיי וואָלטן ערשט אַרויס פון שיר־השירים
און געטראָגן אין די שנאָבלען אַ געהיימע בשורה —

נאָר די טאָפּאָליעס זענען אַלץ נאָך שטאַר און ווינטער־מיד,
ווי זיי וואָלטן אָפּגעשיידט זיך פון אַרום,
טראָגן אויס דעם גורל זייערן טרויעריק און שטום —
דעם עבר אייגענעם געטריי,
לאָזן זיי זיך נישט פאַרפירן פון דער זון,
היטן אָפּ געטריי די יאָרצייטן פון בליען און פון וועלקן,
בעת זייערע וואָרצלען טרוימען זיך אַריין
אין ערד פאַרפּראָסטיקטער אונטער דעם קילן שניי.

זיי שטייען ווי פרעמדע
אָן אַ זייט
פון ערב־פרילינגדיקער פרייד,
און וואַרטן,
איינגעהאָרכט אין זיך אַליין
ביז עס וועט קומען
זייער צייט.

קאָראַלן־ביימער

די ערשטע הייבן אָן צו פלאַמען
אלמוגים־ביימער מיט די זילבער־גראָע שטאַמען —
ווי אוים מורא,
אַז עמעץ וועט ביים פרילינג אויסנאַרן די בכורה,
איילן זיי זיך,
איידער ס׳הייבן אָן צו שפּראָצן בלעטלעך גרינע
ציינדלען זיך שוין אויף די צווייגן נאַקעטיקע, דינע
בליטן,
ווי צונטעררויטע אויפגעשטעלטע קאַמען
פון הענער ביים געפּעכט.

און ס׳דאַכט,
אַז באַלד
וועט זיך דערטראָגן פון די ביימער־רייען
אַ זיגעריש קרייען
און וועקן אַלע בענקשאַפטן פאַרשטילטע
דורך לאַנגע ווינטער־נעכט.

דער הימל טרינקט דעם וויין פון ערשטע בליטן,
פאַרנאַכטצו ווערט דער מערב, ווי אַ טייך צעגליטער,
וואָס טראָגט צום ים די פלאַמיקע קאָלירן
צו פאַרבן אין זיין טיף די אינדזלען פון קאָראַלן —
ביז ס׳ווערט דער הימל בלאַסער אַלץ און בלאַסער
און ס׳שימערט מיט אַ רויטן אָפּשיין בלויז דאָס וואַסער.

כ׳וויל אויפהאַלטן

פאַר יהודה אלמוג

כ׳וויל אויפהאַלטן די זון מיט אַ שפּרוך,
אונטערשטעלן מיינע אויסגעשטרעקטע הענט
(ווען אהרן און חור אַרוים פון תנ״ך?)
זאַלסט זאַלבן די ערד מיט דיין טריט,
די ערד פון סדום,
און אַנטרינקען מיט דיין אייג׳נעם שאָטן
איר הייסע, פאַרטריקנטע ליפּ.

איר זאַלציקער טרויער
איז מיר אַזוי אייגן,
ווי מיין איינזאַמקייט,
ווי דאָס גרויסע אַרומיקע שווייגן
און ווי דיין טרוים,
וואָס גייט דיר פאַרוים,
ווי אַ זייל
צו יעדער הייל,
צום געהיימסטן געמאַרק
פון טויט-געהייליקטן באַרג.

די גרילן

די גרילן,
ווי פון אַ לאַנגן דרימל
אויפגעוואַכט,
רופן צו זיך
מיט אַ פֿאַרבענקט געגריל
די פֿאַרנע, טונקלע נאַכט,
און ווילן פֿאַרנאַרן
די שטערן,
וואָס באַהאַלטן זיך אויס
אין דעם שווערן אייטער פֿונעם הימל.

ס׳קען זיין,
אַז באַלד
וועט אָניאָגן אַ מדברדיקער ווינט,
מיט ליפּן דאָרשטיק, היים און ווילד
אויסזייגן די גאַנצע שטערנמילך
און אַ שפּריץ טון מיט דעם ווייסן, קילן שוים
אויף דעם שמאָלן, פֿאַראיינזאַמטן וועג,
וואָס וואַרט אויף די באָרוועסע טריט
פֿונעם טרוים.

די ערד איז רויט

די ערד איז רויט,
ווי קינס טרוים
אין יענער פאַרנער נאַכט,
ווען יהוה איז געווען יונג
און הבל שטיל פאַרטראַכט.

דער מולד שאַרפט זיין קרומען סערפּ
ביים אַלטן, הויכן פעלדז,
וואָס קרישלט זיך
אַ שטיין נאָך שטיין,
ווי ס׳וואָלט דערמאָנונג אויפגעוועקט
דעם טרויער פון פאַרגיין.

אין סיפקע זאַמד אונטער די שטערן
קענסטו נאָך אַלץ דעם זיפץ דערהערן
פון יענער שעה,
וואָס האָט באַוואַכט
די פאַרנע נאַכט
און חוהס טרערן.

די צוויי פּאָרטרעטן

פאַר מרדכי און רבקה גובער

די צוויי פּאָרטרעטן אויף דער וואַנט
ליכטן אויף אונטער דער רויטער שיין
פון זון ערב פאַרגיין,
איידער עס נעמט אַרום מיט גראָער קרעפּ
זייערע יונגע קעפּ
דער שאָטן פון פאַרנאַכט.

דער בליק פון יינגערן אין זיך געווענדט,
פאַרטראַכט,
ווי ער וואָלט זיך איינגעהאָרכט
אין זיפּן פונעם פאַרנאַכט
און אין שטילע טריט פון ווייטער, ווייטסטער ווייט,
פון יענער זייט פון צייט.

די ליפּן שטרענג, פאַרפּרעסט און שטייף
אַרום דעם וואָרט,
וואָס וואַרט, ווי זריעה אָפּגעהיט,
ס'זאָל ווערן תמציתדיק און רייף,
איידער ס'וועט אויפגיין אין אַ ליד.

ביים אַנדערן — דער קאָפּ געלאָקט,
גלייך ס'וואָלט חמסין פון יאָר צו יאָר
מיט אָטעם היים און פיבערדיק
געקרויזט די ווייכע האָר.
דאָס פנים שמייכלענדיק צעהעלט,
און ס'דאַכט,
אַז ס'האָט די זון אַליין
אין אים אַריינגעלאַכט.

פוןביידע זייטן גוף די הענט,
די הענט פון אַ באַלבאָס,
מיט צוטרוי צו דעם שווערסטן עול
און צו דער גאַנצער וועלט —

זיי זענען שטענדיק גרייט
פאַרריכטן יעדן פּלויט,
בויען אַ הויז,
צי אַ געצעלט,
באַוואַסערן דעם נגב,
צעאַקערן דאָס פעלד,
און אויב מען דאַרף
וועט אַט די האַנט
נעמען אַ ביקס
צו שיצן יעדעס שטיינדל פון דעם אייג'נעם לאַנד.

די צוויי פּאָרטרעטן אויף דער ווייסער וואַנט.

זיי קוקן ביידע פון דער וואַנט אַראָפּ —
אונטער דעם בליק פון זייערע יונגע אויגן
ווערט דעם פאָטערס מידער, גראָער קאָפּ
אַלץ מער און מער געבויגן.

ציפּרעסן

די צוויי ציפּרעסן
וואָס ס׳האָט דער מאַמעס האַנט פאַרפלאַנצט
אין הייסע זאַמדן פון לכיש,
פאַרביידע זין צוגלייך,
אַז ס׳זאָל די ערד, באַטל׳ט מיט זייער בלוט,
זיי נישט פאַרגעסן,
ציען זיך אין דער הייך,
ווי טונקלע, שלאַנקע ליכט.

זי קוקט צו זיי אַרויף,
ווי זיי ווערן העכער, העכער מיט אַ יעדן נייעם יאָר,
און שאָטענען מיט טרויער
אויף דער מאַמעס הענט,
אויף דער מאַמעס האָר,
וואָס ווערן אַלץ גרויער און גרויער.

אַגאַוועס *

אויף בערגל נאַקעטיקן אין דער מדבר מיט,
אויסגעשרפהט דורך די הייסע, גליענדיקע תאוות
פון חמסינען,
איז געבליבן אויפן סאַמע שפּיץ
אַ טונקל־גרינע
טשופּרינע —
אַגאַוועס.

צונויפגעפּרעסטע אין אַן ענגן קרייז,
אָנגעברוגזט, בייז,
ווי פאַרשווערער,
וואָס האַלטן אָפּ דאָ אַ מסיבה
און וויספּערן געהיימע רייד,
אַז קיינער זאָל נישט הערן.

זיי שטייען אויף דער וואַך פון שטרענגע, מדברשע געבאָטן,
און זענען גרייט צו קעפּן אַלץ, וואָס טרעט דעם גבול אַריבער
מיט די גרינע שווערטער
פון די שאַרפע, צייגעדיקע בלעטער,
אַפילו זייער שאָטן.

שטאָלץ מיט זייער שטאַרער שטאַרקייט און מיט זייער דויער,
צו קיינעם אונטערטעניק,
קיינעמס קנעכט,
היטן די אַגאַוועס זייער זאַמדיקע אימפּעריע
און דעם בראשית
אויסבאַהאַלטן אין זייער וואָרצלדיק געפלעכט.

---

* אַגאַוועס — פון דעם מין קאַקטוסן.

נאָר ווען ס׳קומט זייער צייט,
איז ווי אָנגעשיכורט מיט די פּרילינג־ווינטן
און מיט זייער אייגענעם פאַרלאַנג,
שיסן זיי אַרויף צו דעם צעבלויטן הימל
בליעכץ אויף אַ הויכער, שלאַנקער שטאַנג —
ווי אַ פאָן, ווי אַ סאַלוט צו אַלע וויסטע שטחים,
פאַרלאָזט, פאַרגעסן, שטום —
און ס׳דאַכט,
אַז ס׳האָט דער מדבר־הארץ זיך אויסגעבלוטיקט
אין דער אַגאַוועס בלום.

לוטס ווייב

כ׳האָב נישט געהאַט קיין מוט צו קוקן אויף צוריק,
ווען הינטער מיר געפלאַקערט האָט מיין היים
און ס׳איז פאַרלענדט געוואָרן אַלץ,
וואָס האָט אַמאָל געהייסן — גליק.

דעריבער בין איך דיך אַזוי מקנא,
וואָס האָסט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גיין
און האָסט דיין גאַנצע ליבשאַפט איינגעזאַמלט
אין זאַלציק־האַרטן שטיין.

דער נע־ונד האָט דיך געשראָקן מער ווי יהוהס צאָרן
און בענקשאַפט איז געווען שטאַרקער פון זיין שטראָף —
ס׳האָט אונטער דיינע וויעס זיך איינגענעסט דיין היים,
די וויג, דער סאַד, די ברוינע סטאַדעס שאָף,
ווען ס׳האָט דער בראַנד געלעקט מיט פייערדיקע צונגען
די ווונדן אָפענע פון ערד, פון שטיין, פון ליים.

איצט שטייסטו אויף דער וואַך פון אַלע דיינע טרוימען,
אַ היטערין פון הוילע בערג, פון טויטן ים —
עס טריפט אַריין די שקיעה בלוט אין דיינע גלידער,
און אין דעם אָפּשיין פון איר פלאַם
שימערט מיט אַ יונגשאַפט ראַזלעכער דיין לייב,
און ס׳שמייכלען דיינע ליפּן מיט דערמאָנונג
פאַרזיווגט צו דיין אייגענעם, פאַרטרויטן נאָמען —
ביסט ווידער דו — און נישט בלויז פון דיין מאַן דאָס ווייב.

כ׳האָב נישט געהאַט דעם מוט צו קוקן אויף צוריק,
איז איצט מיין האַרץ פאַרשטאַרט — אַ גרודע שטיין,
און ס׳זאַלציקט זיך דאָס וואָרט אויף מיינע ליפּן
מיט אַ שטיל, נישט אויסגעוויינט געוויין.

כ׳בין פון אונטערגאַנג אַנטרונען

כ׳בין פון אונטערגאַנג אַנטרונען
און איצט גיי איך אונטער
אַ יעדן טאָג אויפסניי
אונטער הימלען פאַרצויגן מיט רויך.

לאָז מיך נישט פאַלן אַזוי נידעריק, מיין האַר,
אַז כ׳זאָל מוזן ציילן שווינדזיכטיקע שעה׳ען,
און נישט קענען קוקן דער זון אין די אויגן.

גיב אַן אָנשפּאַר מיינע טרוימען,
אַ צוקאָפּנס פון שטיינער
מיט שפּרוכן איינגעקריצט אין זיי,
סגולות צו מענטשלעכן וויי.

און שיק אַראָפּ אַ מלאך מיט אַ שטרענג געזיכט
כ׳זאָל זיך נישט מוזן ראַנגלען בלויז מיט זיך אַליין,
בעת ס׳מדברט אַרום מיר אַ שטערנלאָזע נאַכט
און ס׳פּאַרגייט אין דער ווייט אַ מענטשלעך געוויין.

מיין טאַטע

מיין טאַטע האָט געפּרוּווט פאַר מיר דעם גלות אויסבאַהאַלטן
אונטער סעדער בליענדיקע, לאַנקעס גרינע,
בעת עס האָט אין בלוט זיינעם געוויינט
די בענקשאַפט צו דער טרויערנדיקער שכינה.

פון צווישן תבואה־פעלדער און געדיכטע וועלדער,
אַרומגערינגלט מיט די שכנים־גויים,
האָט זיין ציטערנדיקע שטימע דורכגעשניטן
זיך אַ וועג צו אור־היים:
„לשנה הבא בירושלים".

אַ פרעמדע ערד פאַרדעקט האָט זיינע יונגע ביינער,
ווער ווייסט, צי ס'איז אַ זכר נאָך פאַרבליבן
פון קבר זיינעם אויף מאַשציסקער בית־עלמין,
ווו דער פאַרלענדער האָט געפלאַסטערט גאַסן
מיט די מצבה־שטיינער.

נאָר מיר, דער איינציקער פון זיינע קינדער דריי,
איז עס געווען באַשערט
דורך אַלע נע־ונדן זיין בענקשאַפט צו דערטראָגן,
זי זאָל קענען אַ קוש טון די הייליקע ערד.

אינהאַלט

נשמה־לאַנדשאַפטן

זאָג זיך נישט אָפּ פון מיר 9
אַלץ, וואָס האָט זיך אָנפאַרטרויט מיין וואָרט . 10
לייג צו דיין וואָרט צו מיינע ליפּן 11
די ערשטע שורה פון אַ ליד 12
יעדער קלאַנג 13
כ׳האָב זיך געגרייט 14
עס טראָגט זיך צו מיר 15
ס׳איז שוין צו שפּעט 16
ס׳איז אַזוי שטיל אין מיר 17
שווייג מיך אַריין 18
דאָס אַלץ, וואָס קומט מיר צו חלום 19
אַלע ווינטן 20
איך האָב זיך אָפּגעשיידט 21
מיין נשמה 22
מיין טרויער 23
עס ווערן אַלץ מידער די זאַכן 24
די סעדער פון מיין קינדהייט 25
דו פּרוווסט מיך אַזוי 26
אַ, גאָט 27
גיב מיר צוריק, מיין האָר 29
נו, זאָל זיין שניי 31
מיין קליינע טאָכטער 32
באַשיץ מיך און באַהיט מיך 33
קאַלט איז מיר, מיין מאַמע 34
שטעק־שיך 35
צו מיין נישט־געבוירענעם זון 37
אַפילו ווערטער 39
געשטאַלטן 40
פון דאַנען ביז אַהין 42
צו מיין טאָכטער 43

צעאַדערטע וועגן

גאָר איך און מיין ליד 47
ווהין יאַש איז געפאָרן 49
דורך אַלע טרויערן 50

פרילינג 51
אַ לאַנקע צווישן בערג 52
ווערבע ביים טייך 53
דער אינדיאַנער זומער 54
אין חודש פון די פאַלנדיקע בלעטער . . . 55
ביי אַן אַזיערע 56
מיטן ווינט 57
האַרבסט 58
בלעטער אין האַרבסט 59
ווינטער 60
פאַראַנען ווערטער 61
וויפל פאַרזעסענע, פאַראיינזאַמטע טעג . . . 62
אַ פאַרנאַכט אין מושב־זקנים 63
דער יונגער שלאַנקער פרינץ 65
די בלאָע פיר פערד 67
אַרטור זיגעלבוים 68
די פאַרטראַכטע הענט פון דער פרוי . . . 70
נאַכטוואַנדלער 71
מאָדערנע מאַלעריי 72

בלאָע נעפלען איבער בערג גלילער

בלאָע נעפלען 77
טבריה 78
איך וואָלט נישט וועלן 79
ס׳פאַלט צו די נאַכט 80
די ערד איז פייכט 81
ערב־פרילינג 82
קאַראַלן־ביימער 83
כ׳וויל אויפהאַלטן 84
די גרילן 85
די ערד איז רויט 86
די צוויי פאַרטרעטן 87
ציפרעסן 89
אַגאַוועס 90
לוטס וויב 92
כ׳בין פון אונטערגאַנג אַנטרונען 93
מיין טאַטע 94

ביז איצט דערשינענע ביכער:

דאָרף — לידער, 1928, קלעצקין־פאַרלאַג, ווילנע.

ערד — דערציילונגען, 1935, פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע.

רויטער מאַן — 1937, יידישער פ.ע.נ.־קלוב אין וואַרשע.

שניט — לידער, 1941, סאָוויעטישער מלוכה־פאַרלאַג פאַר נאַצ. מינדערהייטן אין קיעוו, פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: א. גאָנטאר. (**סיי די גאַנצע אויפלאַגע, סיי דער כתב־יד זענען פאַרניכטעט געוואָרןביים אַריינמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי**).

הים און היימלאָזיקייט — לידער, 1948, פאַרלאַג פון די פוילישע יידן אין אַרגענטינע.

באַשערטקייט — לידער, 1949, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

9 דערציילונגען — 1958, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

פון יענער זייט ליד — 1962, י.ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב.

שירים ואדמה — 1966, איבערזעצט פון שמשון מעלצער — פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב.

"HAMENORA" PUBLISHING HOUSE
24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel